שנה ד'
נומער קנ"א
**פרשת ויצא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



## ערשטע שניי אין שטאט אומאן



א גריס פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל

**נייעס:**

שבת התוועדות מיט געקליבענע צאל בחורים

**א מעשה פון תפילה:**

אייבערשטער העלפט ס'זאל זיין אפאר ווארימע טעג

**א שיחה פון דער ראש ישיבה:**

עס לוינט זיך צו לעבן 70 יאר אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן

## בריוו פון לייענער
הערה אויף די "מופתים ארטיקל"
3


## מיט א טיפערן בליק
קענסט אפשר ווערן א נארמאלער מענטש
6



## היכל הקודש נייעס
הפצה פארברענג
4


## היכל הקודש נייעס
כולל מסיבה
5


## נקודות טובות
בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן
20


## בילדער אפטיילונג
אינטערסאנטע מאמענטן וואס איר האט מעגליך פארפאסט
28




# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
פרשת ויצא ט' כסליו תשפ"ג

הדלקת הנרות.........04:10
מוצאי שבת............05:40

מנחה מעריב וישלח ... 05:25

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די בר מצוה פון אברהם מנחם נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת בײַ דעם קינד און בײַ אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה יעקב ראטענבערגער הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און אויפציען די קינדער געזונטערהייט אויפן רבינ'ס וועג.

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 02 | 39°/28° | Partly Cloudy |
| Sat 03 | 42°/30° | PM Showers |
| Sun 04 | 40°/29° | Partly Cloudy |
| Mon 05 | 43°/34° | Rain/Freezing Rain |
| Tue 06 | 45°/30° | Showers |
| Wed 07 | 39°/24° | AM Snow Showers |
| Thu 08 | 35°/21° | Partly Cloudy |
| Fri 09 | 33°/21° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ך ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## בריוו צו די

# רעדאקציע

**שיינע הערה אויף די "מופתים ארטיקל"**

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך בין זיך מחי' מיט'ן בלעטל יעדן איינציגן וואך, איך באקום עס אויף די פאסט יעדע וואך. זייט איך האב זיך אויפגעסיינט דאס צו באקומען, האב איך אויפגעהערט קויפן אנדערע צייטונגען וואס איך פלעג קויפן, וואס הגם איך האב געוויסט אז דאס איז נישט גוט פאר מיר צו ליינען, אבער איך גלייך זייער צו ליינען און אז עס איז נישט דא קיין אייגענע ליין מאטריאל קויפט מען אנדערע סחורה, אבער ברוך השם אז יעצט איז דא אזא שיינעם אויסגאבע וואס איך באלעק מיר די פינגערס יעדן איינציגן וואך.

ספעציעל האב איך הנאה געהאט פאריגע וואך פונעם ארטיקל געשריבן דורך ישראל דוד העסקל הי"ו וואס צולייגט אזוי שיין וואס א מופת איז, איך האב געהאט געוואלדיגע התחזקות פון דעם, ווייל למעשה בין איך נאכנישט אינגאנצן אין היכל הקודש, איך וואוין אויסגעמישט מיט אנדערע, און איך דאווען א גאנצע וואך אין א שול וואס מען גלייכט נישט אזוי דאס אז איך בין געווארן א ברסלב'ער (מילד גערעדט) און אסאך מאל דארף מען די התחזקות וואס די ארטיקל ברענגט ארויס, עס ברענגט גוט ארויס וואס א משפיע איז, און וואס די מופתים דארפן זיין.

עס דערמאנט מיר פון דעם שיינעם אידישן שטייטן ניגון וואס דער ראש ישיבה זינגט: **א מופת, א מופת בין איך, וואס מ'טוט, טוט מען פאר זיך. מוהרא"ש האט מיך אפגעוואשן, אנגעפולט מיינע טאשן, מיט משניות און חומש רש"י.**

**מוהרא"ש האט מיך איבערגעקערט, מיר געוויזן אז איך בין יא ווערד.**

**איך האב היינט שוין ליב צו לערנען, קיין שום זאך קען מיר נישט שטערן, איך וויס דער באשעפער וויל מיר הערן.**

אויך איז דא נאך א שנעל ניגון וואס רעדט פון דעם: **וואס איז א רבי, וואס מיינט א רבי, פארוואס דארף מען גיין צו א רבי. וואס איז א צדיק, וואס דארף מען א צדיק, פארוואס דארף מען גיין צו א צדיק. פזמון: א צדיק ווערט גערופן א משפיע, ער געבט פאר מיין נשמה א רפואה.**

**א בלאט גמרא האב איך אין די האנט, אז נישט איז בכלל נישט אינטערעסאנט.**

**וואס האב איך באקומען לעצטע וואך, וואס האב איך באקומען לעצטע יאר. איך לערן תורה יעדן טאג פון וואך, איך לערן תורה יעדן טאג פון יאר.**

א גרויסן שכח חזק ואמץ מיט די הייליגע ארבעט.

ק. ע. קרית יואל



# היכל הקודש
# נייעס

וויליאמסבורג

## מסיבה להחזקת הכולל אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט״א




גאר א שיינע כולל מסיבה צוזאמען מיט א סעודת ראש חודש איז פארגעקומען ביים ראש ישיבה שליט״א אינדערהיים פאר די וואס העלפן דעם כולל היכל הקודש, מען זאל קענען צאלן פאר די חשובע אינגעלייט וואס לערנען פלייסיג די הייליגע תורה וואס אויף דעם שטייט די וועלט.

די מסיבה איז פארגעקומען אויף א באשיידענעם אופן ביים ראש ישיבה אינדערהיים, מען האט סערווירט א סעודה, און אינצווישן האט מען געהאט די זכי׳ צו הערן שיינע שמועסן פונעם ראש ישיבה, הערליכע שכל וואס מען קען מיטנעמען אויף ווייטער פאר די גאנצע לעבן.

ביים שמועס איז געווארן אויסגעשמועסט גאר שיינע נושאים ווי למשל די נושא פון די גרויסע זכות צו קענען העלפן אינגעלייט וואס זיצן און לערנען, מען זעט אין די משנה (זבחים פרק א׳ משנה ב׳) ״שמעון אחי עזרי׳ אומר״, וואס איז פשט פון דעם אז ווען מען ווילן רעדן פון שמעון, שרייבט מען אז ער איז דער ברודער פון עזרי׳? דאס איז וועגן עזרי׳ האט אויסגעהאלטן זיין ברודער שמעון זאל קענען לערנען, במילא האט ער דעם זעלבן חלק אין זיין ברודער׳ס לערנען, אזוי ווייט אז ווען מען שרייבט א מימרא פון שמעון, שרייבט מען גלייך נאכדעם אז ער איז אחי עזרי׳, ווייל נאר אין זיין זכות האט ער געקענט לערנען און אויסוואקסן א גרויסער צדיק.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז די כולל אינגעלייט האבן זיך יעצט פארהערט ביי חשובע רבנים הלכות מקוואות, און די רבנים האבן געשריבן נאכדעם אז זיי האבן נאכגעשט געהאט אזעלכע אינגעלייט וואס זאלן קענען אזוי גוט הלכות מקוואות דורך און אדורך.

אויך האט מען ארום געדעט נאך שיינע נושאים, מען קען עס הערן אויף קול ברסלב ביי די טעגליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה, עס לוינט זיך אויסצוהערן.

וויליאמסבורג

## הפצה פארברענג ביים ראש ישיבה אינדערהיים



פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת תולדות איז פארגעקומען ביים ראש ישיבה אינדערהיים א הערליכע ״הפצה פארברענג״ פאר די בחורים וואס גייען ארום און זענען מפיץ פאר אידישע קינדער די הייליגע קונטרסים וואס מוהרא״ש זי״ע האט געשריבן, און מיט דעם זענען זיי מחי׳ אידישע קינדער וואס לעכצן אויף חיזוק אנצוגיין אינעם טאג טעגליכע לעבן, און ביים רבי׳ן קען מען טרעפן געוואלדיגע חיזוק אויף יעדע פראבלעם וואס איז נאר דא.

אלע בחורים האבן פארציילט זייער מעשיות פון הפצה, וואס זיי האבן מיטגעלעבט בשעת׳ן גיין הפצה, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארייגערופן אינמיטן מו״ה יואל שניצלער הי״ו וואס פירט אן די מכון עצתו אמונה, און געבעטן די בחורים זאלן אים פארציילן וויאזוי מענטשן זענען זיך מחי׳ מיט די קונטרסים און ספרים וואס ער גיבט ארויס.

די ״הפצה פארברענג״ האט דער ראש ישיבה געמאכט נאר פאר דעם ציל צו מחזק זיין די בחורים זיי זאלן ווייטער עוסק זיין אין די הייליגע ארבעט, וואס דאס איז געווען ביי מוהרא״ש די חשוב׳סטע זאך וואס איז נאר דא. און אזוי ווי דער ראש ישיבה דרוקט זיך אויס אין א בריוו: **ביי מוהרא״ש איז געווען הפצה די ערשטע, די לעצטע, די מיטלסטע און די גאנצע זאך!**

<<<<

## שבת התוועדות פאר די בחורי הישיבה וואס גייען נאך געלט



איינע פון די זאכן וואס דער ראש ישיבה מאנט פון די בחורים, איז אז ווער איז וויל זיין א תלמיד פון ישיבה, מוז גיין נאך געלט. דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג פאר די בחורים אז ווען מען העלפט די ישיבה העלפט מען זיך אליינס. די בחורים תלמידי הישיבה גייען טאקע כסדר נאך געלט, און געבן איבער דאס געלט וואס זיי האבן צוזאם גענומען פארן ראש ישיבה. דער ראש ישיבה זאגט אז די קליינע סכומים צוזאם געשטעלט דורך די בחורים, איז אים אסאך מער חשוב ווי איינער וואס געט אפילו א גרעסערע סכום פון זיין מעשר געלט.

פארגאנגענעם שבת קודש פרשת חיי שרה, איז דער ראש ישיבה ארויסגעפארן מיט זיין משפחה צו א שיינע פלאץ אין גלילות פון קרית יואל, ווי מען האט געפראוועט א שיינע שבת מיט די בחורים וואס ברענגען אריין געלט פאר די ישיבה.

די בחורים האבן געדאווענט און געגעסן אלע סעודות שבת קודש אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה. אזוי אויך האבן די בחורים מיטגעהאלטן די תפילות מיט'ן ראש ישיבה וואס האט געדאווענט אלע תפילות פארן עמוד.

במשך די סעודות שבת האבן די בחורים געשמועסט שעות לאנג מיט'ן ראש ישיבה פון די זיסע עצות פון רבי'ן, בעיקר האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז ווער עס וויל זיך האלטן ביים הייליגן רבי'ן, מוז האבן א גוטע חבר מיט וועם צו שמועסן, א חבר וואס וועט אים מחזק זיין אויף עבודת השם.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז נאר אזוי האט ער זיך געקענט האלטן ביים רבי'ן, ווייל ווען ער איז נתקרב געווען צום רבי'ן האט ער געהאט א גוטע חבר מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א מנהל המוסדות וואס זיי פלעגן זיך אלץ מחזק זיין איינער דעם צווייטן, בפרט האט דער ראש ישיבה געזאגט, איז עס וויכטיג נאכדעם וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט אלץ צו מאכן פאר א מקורב חלישת הדעת, ער מאכט שפירן דעם מענטש "מ'דארף דיך נישט", אדער מענטשן זאגן אים "עס איז נישט פאר דיר, דאס איז א פלאץ פון שוואכע", אדער ווען די משפחה מישט זיך אריין און אזוי ווייטער, מוז מען האבן א גוטע חבר, כדי מען זאל נישט צופאלן.

איינער פון די תלמידים האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה וויאזוי קען מען צוקומען צו אזעלכע גרויסע מדרגות ווי דער הייליגער רבי, רבי נתן און מוהרא"ש זענען צוגעקומען. האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אז דו וועסט זיין גרייט צו דינען דעם אייבערשטן אפילו מ'שטופט דיר אוועק, דו וועסט גארנישט וועלן אויסער דינען דעם אייבערשטן, וועסטו אנקומען צו זייער שיינע זאכן".

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס איבער "עין הרע", פון אלע זייטן שרעקט מען אן און מען פרובירט צו שטופן דעם מענטש זיך כסדר "אפצושפרעכן", דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז אויב מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן, דארף מען נישט מורא האבן פון עין הרע, דער אייבערשטער היט אפ.

מוצאי שבת קודש איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס איבער רבי נתן'ס התקרבות וואס האט זיך אנגעהויבן א מוצאי שבת קודש, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז רבי נתן איז געווען אין א חבורה פון חסיד'ישע אינגעלייט וואס פלעגן פראווען מלוה מלכה אינאיינעם, זיי פלעגן מאכן א גורל יעדע וואך ווער עס זאל ברענגען די בייגעלעך, איינמאל ווען עס איז געפאלן דעם גורל אויף רבי נתן, האט ער אויפן וועג געטראכט צו זיך "פאר דעם בין איך געקומען אויף דער וועלט צו קויפן בייגעלעך?" ער איז געווען זייער צובראכן, ער האט געטראפן א שול וואס די עזרת נשים איז געווען אפן, און ער האט זיך געזעצט דארט זאגן תהלים מיט גרויס געוויין, ביי קאפיטל נ"א איז ער אנטשלאפן געווארן אויפן תהילים, און ער האט זיך גע'חלומ'ט ווי ער פרובירט ארויפצוגיין אויף א לייטער אבער ער פאלט כסדר אראפ, און וואס העכער ער באוויזט צו גיין אלץ גרעסער איז דער קלאפ נאכדעם וואס ער איז אראפ געפאלן, אינמיטן קומט א איד און זאגט אים "דראפע דיך און דערהאלט דיך". שפעטער ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן האט ער דערקענט אז דער מענטש וואס האט אים מחזק געווען אינעם חלום אז ער זאל זיך דערהאלטן איז געווען דער הייליגער רבי.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דאס איז דער הייליגער רבינ'ס לימוד, מען זאל גיין ווייטער און נישט קוקן אויף צוריק, נאר אלץ אנהייבן פון יעצט, און אזוי וועט מען צום סוף אנקומען צו גאר גרויסע מדריגות.

די בחורים זענען אהיים מיט די געשמאקע טעם פון א שבת מיט'ן ראש ישיבה וואס וועט זיי פארבלייבן אין זכרון פאר גאר לאנג.

# קענסט אפשר ווערן א נארמאלער מענטש



ישראל דוד העסקל

אה וואס מאכסטו? ממש אינטערעסאנט אז איך טרעף דיר דא - פונקט היינט האב איך געטראכט פון דיר!

**אזוי?! איך האף האסט נאר געטראכט גוטע זאכן... לאמיר הערן, וואס האסטו געטראכט פון מיר?**

איך וועל דיר זאגן, דו ווייסט דאך אונזער קרוב מאכט חתונה און אפאר טעג ארום, און איך ווייס בידיעה אז ס'דארט נישט דא קיין לחם לאכול אפגערעדט פון הוצאת החתונה... איך זאג דיר, די מצב דארט איז ממש שרעקליך, ס'גארנישט דא מיט וואס צו גיין צום טיש! מ'מוז עפעס טוהן יעצט, מ'קען נישט לאזן א מחותן צוזאם קראכן א טאג פאר ער מאכט חתונה זיין צווייטע קינד. איך פרוביר צוזאם צו שטעלן וואס נאר מעגליך אביסל ארויסצוהעלפן א מחותן איידער ער מאכט חתונה, האב איך געהאפט אז דו וועסט מיר קענען אביסל העלפן מיט די גרויסע עול.

**איך וועל זיכער זיך אנשטרענגען מיט וויפיל איך קען, איך בין נישט דער גרעסטער בעל יכולת... אבער איך וועל זיכער פרובירן צו העלפן מיט וויפיל איך קען.**

בסדר, אין דעם זכות זאלסטו אלס האבן שפע, ס'זאל דיר קיינמאל גארנישט פעלן, זאלסט אלעמאל זיין פון די געבערס און נישט די נעמערס וכו' אמן! האב א לעכטיגע פרייליכע שבת מ'זאל זיך טרעפן נאר אויף שמחות!

**אמן!**

שוין, מיין מחשבה הייבט אן ארבעטן פעסט, רבש"ע איך קען דאך גוט דער מחותן וואס מאכט חתונה, אזא גאלדענער מענטש, א שטיק חסד, האט אלץ ליב צו העלפן א צווייטן. הייליגער באשעפער העלף אים. אין מיין מח זעה איך דעם אידל, ער זיצט אויף א תשעה באב בענקל מיט אש אויפן קאפ אנגעטון מיט א זאק, וואס ער רעדט נאר קומט ארויס מיט די איכה ניגון... אוי נעבעך, אייבערשטער, גרויסער טאטע אין הימל העלף דעם איד ער זאל קענען חתונה מאכן מיט הרחבת הדעת, ער זאל קענען הנאה האבן פון זיין אייגענע שמחה.

ער מוז נעבעך זיין א "נארמאלער מענטש", ווייל אויב נישט - וועט ער מסתמא לכאורה (?!) נישט קענען טוהן קיין שידוכים... און מ'וועט אויף אים זאגן... און איינער וועט מיינען אז א צווייטער טראכט... און מ'מוז ווייל מ'מוז, ווייל אזוי טוט "יעדער איינער" וכו' וכו'.

איך שפאציר מיך אזוי אהיים פון גראסערי וואו איך האב געטראפן מיין



קרוב, ס'איז דאנערשטאג נאכט, ס'איז גאנץ קיל, מ'שפירט אז די ווינטער קלאפט שוין אויפן טיר... מיינע געדאנקען רוישן און פליען, דאסמאל אויף די שמאלע לאנדענע געסלעך, ס'איז אזוי האלב רעגנדיג נישט גענוג אנצוטאן א רעגן מאנטל אבער מ'קומט אהיים טופח על מנת להטפיח... יעדער פאר מינוט שמייסט א קאר דורך און צומישט מיינע געדאנקען... בקיצור, איך בין אזוי גוט פארטראכט, מיין הארץ בלוטיגט פאר דעם איד נעבעך, ער וויל זיין נארמאל, ער וויל טוהן וואס איז ריכטיג, אבער די אוממענטשליכע "יעדער איינער" "נארמאלע מענטש" פארמישט יעדן די קאפ. קיינער טראכט שוין אפילו נישט. המון עם האט זיך פשוט פראסט אונטערגעגעבן צו די געהעריגע נארמאלע מענטשן, וואס פארשטייען צו טוען זאכן געהעריג נארמאל, ווייל אזוי טוט מען!

וואס איז ער נעבעך שולדיג? וואו זענען אלע געהעריגע נארמאלע מענטשן אים געהעריג ארויסצוהעלפן ער זאל קענען נארמאל חתונה מאכן? וואו איז די וועד און די הנהלה פון די געהעריגע נארמאלע מענטשן? ס'איז זיכער דא איינער וואס פירט אן דער "חתונה מאכן בכבוד אזוי ווי יעדער איינער" באוועגונג, וואו איז זייער אפיס? איך גיי מיך פארבינדן מיט די "וועד למען נארמאלע מענטשן" און מיר גייען דורכטוהן וואס מען טוט אין א פאל ווען איינער ברעכט ליידער אונטער פון זיין א נארמאלער מענטש...

ס'דא א וועג ווי אזוי מענטשן פירן זיך, אזוי טוט מען ווייל אזוי טוט מען... ווער האט דאס אוועקגעשטעלט? ווער איז די גאנצע צייט מחליט וואס נארמאל מיינט? ווייל דער אידל מיין קרוב איז אויסדרוקליך נישט איינער וואס לעבט פאר יענעם. ער איז א איד מיט א גראדע קאפ, זייער א ערליכער, ער פארמאגט א פארמאכטע שטוב, ער שרעקט זיך נישט פון די גאס. די ווינטן קענען בלאזן אלע מיני יצר הרע'ס, סטיילס און בולבולים וכו', אבער דער איד שטייט שטארק קעגן אלע ווינטן, ער לאזט זיך פון גארנישט, ער לעבט באמת נישט פאר יענעם. זיין משפחה טראגט נאר גמ"ח קליידער, און ער לאזט נישט אריין גארנישט פון די גאס ביי זיך אין שטוב, איז ווי קומט דאס אז ער מוז זיין א נארמאלער מענטש פלוצלינג?

איך בין זיכער אז אויב די וועד ל'נארמאלע מענטשן זענען מארגן מחליט אז מ'מעג אויך חתונה מאכן ביליג, "מ'מוז" נישט סערווירן א פיר קורס סעודה פאר א מינימום פון זיבעציג קאפלס... און ס'פעלט נישט ממש אויס צו האבן א פאטאגראפירער מיט ווידעא, וואס נעמט זעקס זיבן אלפים הכל בכל מכל... און בדחן וואס גייט צוריק ביז פיר דורות פון אלע זייטן, בשעת דער עולם האלט שוין טיף אינמיטן דרימלען, און די וואס זענען נאך אויף קוקן אויפן זייגער ווי ארעסטאנטן... זיי זאלן דאס נאר זאגן, איז ער דער ערשטער וואס מאכט חתונה אין א ביהמ"ד צו אין א חדר אויף א ביליגע "בכבודיגע" פארנעם, ער וועט שפרינגען אויף דעם, דאס וועט אים אויסלייזן אינגאנצן פון זיין פעקל!

שוין, ביי מיר אין קאפ איז עס געשלאסן, מארגן גיי איך זען צו טון אין דעם, איך פאררוף א מיטינג מיט אלע חברי וועד און עסקנים למען האלטן גדרי נארמאל בתוך מחנינו, און איך גיי זיי געבן דעם גוטן טעם וואס די אידן אין היכל הקודש האבן, מ'קען מאכן א שמחה מיט די גאנצע הארץ אן דארפן פילן צוואנציג מאל לכל אורך הדרך פון די שמחה ווי מ'ברעכט אונטער, פארוואס זאל נישט די גאנצע וועלט הנאה האבן פון דעם?

אוטש!!! איך האב אריינגעשמוסן אין א גאס לאמפ אזוי פארטראכטערהייט, איך וועק מיך אויף פון מיין קלאץ, איך שמייכל מיך אזוי אונטער פון מיינע געדאנקען, איך טראכט צו מיר אזוי ווער ווייסט אפשר וועט דער דמיון אויך ווערן אן ארטיקל אינעם ברסלב בלעטל... איך





באמערק ווי איינער קוקט מיר אן כאילו איך בין אראפ פון די לבנה, ער זעצט אריין אין א לאמפ און ער צושמייכלט זיך... לכאורה דארף ער טערעפי'... אדער איז ער שוין אויף גאר שטארקע מעדיקעישן וואס מאכט נארמאל!

בקיצור איך פארפאר דא, איך וויל אביסל באשרייבן "נארמאלע" שמחות און איך טרעף מיך צוריק צו דמיונות און טערעפי'... נאך א נס אז איך האלט נישט פונקט קיין קאווע אין די האנט, ווען יא וואלט איך שוין געווארן איינגאנצן צומישט... תכלית, ארויס פון מיין דמיון, וואס וועד ווען וועד... הלוואי נאר וועד... ס'איז געווארן אריין געפרעגלט און אונז א מין סטיגמא וואס הייסט "נארמאל", דער ביהמ"ד איז פון נארמאלע מענטשן, ווידער ארויף די גאס דער שולעכל דארט יא ווייסט די קליינע ווייסע מיט די גרויסע טיר, דארט געפונען זיך אלס אזעלכע אינטערעסאנטע מענטשן, נישט אונזער מין, בדיעבד אמאל פאר א שמחה גייט מען דארט אריין...



אז מ'נעמט א פארגרעסערונג גלאז וועט מען זען אז אפילו די וואס לעבן באמת נישט פאר יענעם, זענען אויך צוגעבונדן צו זיין "נארמאל"! און מיט רעכט, ווייל מ'דארף טאקע זיין נארמאל. מיין מנהל אין כתה ט' פלעגט אלס שרייען "והיתה משוגע" איז א חלק פון די תוכחה...

מ'דארף זיין א נארמאלער מענטש, מ'מוז זיך זיכער אויפפירן ווי א נארמאלער מענטש, אבער וואס איז נארמאל? ווער איז דאס מחליט? ס'פירט זיך אזא רוח ה'נארמאל אן קיין דרייווער. שטעל דיך פאר א באס הייבט אן פארן אן קיין דרייווער, אן איינער וואס ווייסט ווי אזוי צו פירן א באס, וואס פאר אן אומגליק וואלט פאסירט! יעדער פארשטייט אז מ'דארף א באס, מ'דארף קענען ברענגען די קינדער אין חדר יעדן טאג וכו', ס'איז זייער א וויכטיגער זאך, אבער נישט יעדער קען דאס פירן, און זיכער קען זיך עס נישט נעמען פארן אן קיין דרייווער!

ניין! ס'איז נישט דא א אפיס פון מומחים בתורת נארמאל... נאר וואס ס'פאלט איין איינעם א נישט נארמאלער, וואס איז אדער צולאזט איינגאנצן און ווייסט פשוט נישט ווי אזוי מענטשן פירן זיך אויף צווישן מענטשן, ווי אזוי מ'איז נארמאל, אין זיין קאפ איז באשטעלן פינף טויזנט דאללער ווערד פלייש פאר א קידוש, א געהעריגע נארמאלע זאך! און ווער רעדט נאך פון קיורד פיש פלעטטערס... כ'מיין יעדער טוט עס שוין... ס'איז נארמאל, נאר אכט טויזנט דאללער, און דאס איז בלויז א קידוש'ל!

דער מענטש איז נעבעך נישט ביי זוך, ער איז אינגאנצן אראפ פון די רעלסן, זאכן וואס האבן געהויבן ברעמען פאר צען יאר צוריק איז היינט סטאנדארט! יעדער טוט עס שוין, און ווער ס'טאנצט נישט נאך, איז נעבעך נעבעך נישט נארמאל!

נאכדעם איז נעבעך דא, די נאך טיפערע פראבלעם, ווען דער איד - וואס זיין פרנסה איז סווייפען קרעדיט קארטלעך - מאכט חתונה, און ווייסט אז דער עולם שמועסט שוין אז ער איז שטאט'ס אנזעצער, זיין קאר האט מען שוין צוויי מאל אויפגעפיקט... עסקנים זענען שוין עטליכע מאל געווען אריינגעמישט, צו ראטעווען א גאנצע משפחה פון אונטערגיין... אין יעצט, אין א מזל'דיגע שעה מאכט ער חתונה. דער שדכן א קלוגער איד האט צוזאמגעפארט צוויי 'קארטלעך סווייפערס', ענבי הראזשינקע בענבי הראזשינקע דבר נאה... יעצט קען מען אנהייבן שיקן די בילס פון די מחותנים אהין און צוריק, ס'איז "ששון ושמחה" צוויי "גאר" שיינע אידן, מיט "גאר" שיינע קארס, וואס לעבן אויף א גאר הויכע סטאנדארד, אפילו זיי האבן גאר קיין פרוטה אין טאש... גייען יעדן איינעם וויזן אז זיי זענען באמת פארמעגליך, און זיי ווייסן ווי אזוי צו טון א זאך נישט סתם, נאר ס'זאל זיין צום געדענקען יעדער זאל רעדן און יעדער זאל וויסן!

ס'איז אמאל געקומען א איד, א גרויסער תלמיד חכם צו רבי שלמה מבאבוב זצ"ל, און אים געזאגט אז ער וויל עפענען א ביהמ"ד, און ער וויל א ברכה פונעם רב. האט אים דער באבובער רב ז"ל



געענטפערט: "וואס וועט זיין אז דו וועסט האבן א ביהמ"ד, וועסטו דאך אוודאי וועלן האבן א מקוה, אז דו וועסט האבן א מקוה, וועסטו דארפן וואשן האנטוכער א גאנצן טאג, און ווען ס'וועט קומען צו שידוכים, וועסטו זיך נישט קענען משדך זיין מיט סתם איינער, נאר דו וועסט זוכן נאך אזא רב ווי דיר, ווייל נאר דאס וועט דיר פאסן... וועט אויסקומען אז צוויי האנטוך וואשערס זענען זיך משדך... ענדערש בלייב א תלמיד חכם, זיץ אין ביהמ"ד און לערן, וועסטו זוכה זיין זיך צו קענען משדך זיין מיט נאך א תלמיד חכם וואס זיצט און איז עוסק בתורה א גאנצן טאג!"

בקיצור, לאמיר צוריקגיין צו אונזערע מחותנים, לאמיר טאקע אריינגיין אין זאל א שעה אהאלב אוועק פון שטאט, וואס איז סאאאך מער באלבאטיש... און לאמיר אונטערהערן וואס דער עולם האט צו זאגן אויף די צוויי שיינע אידן... ס'ביטער שווער צו הערן א ווארט איבער דער מוזיק וואס צורייסט די אויערן, אבער אזוי איז נארמאל... לאמיר זיך אבער אנשטרענגען.

**מעכל, וואס זאגסטו צו דער מחותנ'ס שטריימל?... ער האט זיך געלאזט וואויל גיין, איך הער זאגן אז ס'איז א צענער שטריימל!**

וואס איך זאג צו דעם? א רחמנות דער שטריימל מאכער, ווייל דער גייט קיין געלט קיינמאל נישט זען פון אונזער נארמאלער מחותן!

לאמיר גיין צו נאך א טיש, דא זיצן זיינע חברים פון ביהמ"ד לאמיר אונטערהערן וואס יוסל זאגט פאר מנחם.

**וואס זאגסטו צו דער מחותן?... פיינע נייעס, ער האט אהערגעשטעלט א פיפטין פיעס בענד מיט א קווייער, ער איז גוט, ער טוט א זאך אלל דע וועי -**

ער איז גוט? דו ווייסט אז איך האב דאס אלעס באצאלט!

וואס הייסט? - ער קומט מיר שוין פיר יאר זיבעציג טויזנט דאללער, ער איז פיינע נייעס?? א פשוטער גנב!

אזוי שפאצירט מען ארום און "יעדער איינער" האט די זעלבע זאך צו זינגען. א רחמנות, א צודרייטער, א אנזעצער, ער איז א פרא אדם, וכו' וכו'. פארדעם האט ער זיך נעבעך אנגע'חובות'ט? וואס האט מען פון דעם? ער איז דער נארמאלער מענטש וואס "מ"מאכט נאך?...

שטעלט דיר נאר פאר ער מאכט ווען א ביליגערע חתונה וואלט אים יעדער פארגינען, זיין מלוה וואלט געטראכט "שוין ער קומט מיר טאקע געלט אבער ער מוז דאך אויך חתונה מאכן די קינדער..."

די סטאנדארט מוז האלטן אין איין ארויפגיין ווייל דער נגיד זיצט דאך אויך ביים חתונה און טראכט צו זיך "אויב דער אנזעצער שטעלט צו א קארווינג סטעישן ווי מ'שניידט אויף כל מיני פליישן וואס וועל איך טון ביי מיינע קינדער'ס חתונה איך מוז דאך טאקע צו שטעלן!" ער גייט שוין מוזן ברענגען לעבעדיגע קוען ביי זיין חתונה מ'גייט עס שחט'ן אויפן פלאץ כרצון איש ואיש ווייל ער איז דאך באמת א שיינער איד און יעדער ערווארט שוין צו זעהן מיט וואס דער שיינער איד דער נגיד פון שטאט גייט זיך אויפרייסן! און אין פינף יאר ארום איז עס סטאנדארט ס'איז נארמאל יעדער טוט עס! ווייל דער נעבעכדיגער אנזעצער "מוז" נאכמאכן דעם גביר אז יעדער זאל וויסן... און דער גביר קען נישט מאכן וואס די אנזעצערס מאכן ווייל ער איז דאך טאקע א גביר און אזוי צוביסלעך וואס נאך א יאר גייט דורך





פאלט ארויף נאך א גרעסער עול אויף דער פשוט'ער איד וואס לעבט טאקע נישט פאר יענעם און וויל פשוט זיין א נארמאלער מענטש א מעורב בין הבריות היינט מוז ער שוין אויך טון וואס פאר צען יאר צוריק איז געווען אויפגעריסן און משוגע!

דער ראש ישיבה האט אמאל נאכגעזאגט א ווערטל, אז אמאל איז א איד געקומען צו א חתונה און ער האט נישט געוואוסט ווער דער מחותן איז, גייט ער צו צו איינעם און פרעגט אים: "אנטשולדיגט, איר זענט דער בעל שמחה?", זאגט ער אים: "קום מיט מיר וועל איך דיך ווייזן דער בעל שמחה", ער שלעפט אים אריין אינעם מענעדשערס אפיס און ווייזט אים אויף דער איד וואס זיצט דארט ביים קאמפיוטער: "זעהסט אים? ער איז דער בעל שמחה, ער האט היינט פארדינט שיין, איך בין דער בעל חוב!" א ביטער געלעכטער!

ווען קאוויד איז ליידער אנגעקומען און מ'איז געווען געצוואונגען חתונה צו מאכן אויף א קליינע פארנעם האט יעדער דעמאלט געזאגט ווי שיין דאס איז א אמת'ע אידישע שמחה! איך האב א שוועסטער וואס האט חתונה געמאכט ממש אין די ברען פון קאוויד ווען מענטשן האבן געציטערט ארויסצושטעקן די נאז פון פענסטער, יענער תקופה ווען געוויסע זענען געווארן גרויסע מומחים אין הלכות פיקוח נפש, אין איין מקוה האט איינער אריינגעווארפן גלאז אז די וואס גייען, זאלן... איך ווייס נישט פונקטליך וואס דער אומסטאבילער האט געטראכט, דא איז איינער געקומען מיט פאליציי ווייזן אז מ'דאוונט מיט מנין ער האט פשוט געוואלט ראטעווען די נאאיווע אידן פון א זיכערן טויט... בקיצור, אין די תקופה האט מיין שוועסטער חתונה געמאכט, די קבלת פנים איז געווען ביי איר אינדערהיים און די חופה אין די בעקיארד גלייך נאך די חופה האט מען געמאכט א שנעלע מצוה טאנץ, "יעמוד יעמוד יעמוד"... כמנהג היכל הקודש, און א שעה שפעטער איז מען זיך צוזאם געקומען אין א "גרויסע" קלאס צימער פון עפעס א חדר... און דארט איז געווען אביסל שלש סעודת בילקעס מיט אביסל ווארימע עסן, אויף די זייט ווער ס'וויל קען זיך אליין מכבד זיין ס'איז געווען אביסל מוזיק מ'האט זיך געפריידט צוויי שעה און א גוטע נאכט, די חתונה איז געענדיגט, איך געדענק ווי מיין גאנצע משפחה נערים וזקנים האבן אלע פה אחד נישט אויפגעהערט צו זאגן נאכאמאל און נאכאמאל ווי שיין די חתונה איז געווען און וואס דארף מען מער פון דעם... א מחיה מ'קען חתונה מאכן אזוי ווי אמאל מ'פריידט זיך אמת'דיג ווער דארף די אלע גרויסע משוגענע חתונות...

און נישט נאר מיינע קרובים נאר אלע וואס האבן דעמאלט אזוי חתונה געמאכט האבן געזינגען דעם זעלבן ניגון, א מחיה ס'איז אזוי שיין ס'הערליך ווער דארף מער, די עיקר איז אז ס'איז א פיינע חתן כלה... און נאכדעם האט מען עס שוין גענומען א טריט ווייטער, די גוט זאגערס וואס ווייסן אלס צו זאגן ספעציעל ווען ס'קומט צו עתידות ווייסן קלאר צו זאגן אז ס'גייט שוין אזוי אלעמאל בלייבן וועסטו זעהן איך זאג דיר - - - הלוואי...

הזמנה'ס איז נישט קיין ספק אפילו דאס קומט נישט צוריק! ווער דארף עס? ווער דער פרינטער מאכן זיין געלט ערגעץ אנדערש אזוי האבן אלע גערעדט, מענטשן קענען שוין חתונה מאכן אין הייזער, די קאפ האט זיך געעפנט, פון היינט און ווייטער איז עס נייע צייטן! מ'גייט שוין נישט צוריק צום אלטן!

וואס האט אבער פאסירט? אודך כי עניתני, צוריק צום אלטן "מיר פאסט נישט", איך בין א נארמאלער מענטש, וואס גייען מיינע "חברים" זאגן? וועלכע חברים די וואס האבן נישט קיין איין גוט ווארט צו זאגן אויף דיר? די וואס לאכן



דיר אויס פארן זיך אזוי נאריש מאכן פאר יענעם? פארוואס? יעצט "מוז" נעבעך דער תמימות'דיגער איד וואס וויל זיין א נארמאלער מענטש זיך ווידער צורייסן און צופליקן צו קענען מאכן א "פשוט'ע" שמחה...

ברוך השם אז מיר האבן געטראפן א ראש ישיבה וואס לערנט אונז דאס וואס מוהרא"ש זי"ע האט גע'חזר'ט אלע יארן, אז מען דארף פאר קיינעם נישט האבן קיין מורא נאר פונעם בורא כל עולמים, און נאר אים דארף מען געפעלן, ביי אונז איז דא אינגאנצן א אנדערע סטאנדארד פון נארמאל, א תורה'דיגע אידישע הייליגע וועג פון פראווען א שמחה אז ס'זאל זיין אן אמת'ער שמחה און יעדער זאל אמת'דיג זיין פריילעך, דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז שטענדיג די הארבקייט פון אריינגיין אין חובות, אפילו למשל אז מען דארף א נייע הוט האט דער הייליגער רבי שוין געזאגט אז מען זאל נישט קויפן אויב מען האט נישט די געלט פארדעם, ענדערש זיי שולדיג פאר דיר א נייעם הוט, ווי זיין שולדיג פאר יענעם געלט.

מ'קען זען אויף די בילדער פון די חתונות אין ישיבה ווי די פנימ'ער לייכטן און שיינען - און איך בין זיכער אז די חתן כלה וואס האבן חתונה "נארמאל" אן דארפן צופליקן די עלטערן האבן נאכדעם א גליקליכע זיסע לעבן און ס'פעלט זיי גארנישט!

בעצם קען איך ענדיגן דעם ארטיקל דא, "אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!" אונז האמיר געכאפט א נושא, מ'האט עס דורך געטון, שכוח אייבערשטער פאר מיר שיקן א געדאנק, מ'האט דורך געטון די ווייטאג פון דעם, מ'האט אויך אביסל חוזק געמאכט פון די וואס צולאזן זיך ביי שמחות, איך האלט שוין אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געדאנקען אויך פאר נעקסטע וואך צו קענען מאכן א שטיקל ארטיקל פאר די קרית ברסלב בלעטל לייענער, אבער אזוי ווי מיין נאכט האט זיך נישט דא געענדיגט וועל איך ווייטער שילדערן וואס איז נאכדעם געשען...

איך קום ענדליך אן אהיים, מיינע געדאנקען הערן אויף רוישן און פליען איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער האט מיר חונן דעת געווען מיט אביסל סחורה פאר אן ארטיקל... איך זעץ מיך אראפ ענדיגן לערנען אביסל מיינע שיעורים קבועים נאך א לאנגע שווערע טאג, ס'גייט נישט דורך קיין צוואנציג מינוט און איינער קלאפט ביים טיר.

איך גיי צו טיר איך עפן אויף און ווער מיינט איר איז דארט? מיין חבר פון פאריגע וואך!

יא א גוטן וואס קען איך טון פאר אייך?

**געדענקסט אונזער שמועס לעצטע וואך?**

יא זיכער...

**ווילסט אפשר הערן אביסל מער איבער היכל הקודש ווייל איך קען רעדן א גאנצע נאכט אן אויפהער... האסט געהערט אביסל שיעורים פון דער ראש ישיבה?**





**האסט אנגעהויבן זאגן משניות? ס'שפירט זיך עולם הבא'דיג אה?**

ניין ניין, לאמיר אויסרעדן א מינוט, לעצטע וואך בין ארויס אינגאנצן פארגאפט, איך בין געווען זיכער אז דאס איז עס! איך גיי אנהייבן זאגן משניות און מעביר סדרה זיין, איך גיי זיך נעמען איך גיי אנהייבן געבן גוטע ווערטער אינדערהיים וכו', איך האב אויפגעזוכט וואו איך קען אנהייבן הערן שיעורים פון דער ראש ישיבה, איך בין געווען פולקאם גרייט! למעשה בין איך יענע נאכט ארויס פארברענגען מיט אפאר חברים און איך האב זיי דערציילט די גאנצע מעשה אז איך בין געזעצן מיט דיר און איך בין געווען אזוי איבערגענומען פון די ליכטיגקייט פון היכל הקודש און אז די פלאץ האט ממש א כח צו טוישן די לעבן פון א מענטש און אז שלום בית איז געהעריג א עכטע זאך יעדער קען צו דעם אנקומען, ס'איז מורא'דיג, איך זאג ענק, איך קען נישט ווארטן צו זען וואס גייט פאסירן מיט מיר!

אזוי האב איך אלעס דארט דערציילט מיינע חברים, למעשה.... האבן זיי מיר געזאגט... אז... קודם כל "ביי אונז" ווייסטו גאנץ גוט אז ברסלב איז אפגעפרעגט, דיין טאטע און דיין שווער זאלן נאר הערן פון דיר די ווארט ברסלב כאפן זיי גראד א הארץ אטאקע! והשנית זיי זענען בכלל נישט די עכטע ברסלב ס'נאר מוהרא"ש, פון אים האט מען זיכער נישט געהאלטן. דו ווייסט אז די גאנצע זאך פון "זאגן" דאס איז זיין חידוש נאר ביי אים איז דאס דא, אין ברסלב לאכט מען פון דעם וואס מ'זאגט און מ'פארשטייט נישט, טראכט, ס'מאכט סענס? ווער נישט פארקויפט פאר יעדער וואס קומט דיר זאגן וועגן זיין פלאץ, דו ווייסט אז דארט מאכט מען חתונה ביליג אין בית המדרש? ס'נישט קיין "נארמאלע" פלאץ... און אגב אז דו זוכסט צו טוישן דיין לעבן אונז האמיר א פעסטע עצה פאר דיר, נעקסטע וואך קומט דא פון אמעריקא א גרויסער מומחה ער האט שוין געטוישט טויזנטער לעבנס איך זאג דיר, ס'איז נאר פינף טויזנט פונט פאר פיר סעשאנס, ס'איז אזא סעמינאר און ער וועט פשוט טוישן דיין לעבן! דו מוזט גיין איך זאג דיר דאס איז עפעס וואס מ'קען נישט פארפאסן!

פארדעם בין איך דא יעצט געקומען צו דיר אלס הכרת הטוב איך זע ווי דו האסט דיך טאקע אזוי פיל געטוישט... אבער איך זאג דיר דער קורס וועט דיך אינגאנצן טוישן איך האב טאקע באצאלט שווערע געלטער אבער ס'איז ווערד געווען יעדע פעני איך זאג דיר דו מוזט אהין קומען - ס'איז דא דארט בערך זיבעציג היימישע חברה און זארג נישט ס'איז געהעריג קאנפידענשל איך זאג דיר, דיין חבר חיים האב איך געזען דארט און קענסט אברהם שמעון דער וואס ארבעט, יואל הערש - ער איז אויך געווען דארט, געהעריגע נארמאלע מענטשן! דו מוזט עס אויסטרייען איך בין א נייע מענטש!

**ממש?**

**לאמיר הערן וואס טוט מען דארט און ווי אזוי האט זיך דיין לעבן פון דעם געטוישט?**

קודם האט ער אונז אויסגעלערנט אז חייב אדם יעדן טאג אן אויסנאם צו האלזן די קינדער און מ'דארף זיי האלזן ביז די קינדער לאזן אליינס אפ און ווער ס'וועט זיך אזוי פירן וועט - כ'ווייס נישט פונקטליך אבער אזוי מוז מען טון -...

אה, נאכדעם, פרעג נישט ער האט אונז אלע געהייסן ליגן אויפן פלאר און אטעמען אין א ספעציעלן רידעם מ'האט צוגעמאכט אלע לעקטערס און ער האט אנגעהויבן מאכן אזעלכע ספעציעלע קולות, ער האט אונז געהייסן זיך קאנעקטן מיט אונזער אינסייד מיט די פארגאנגענהייט מיט די סאבקאנשעס מח ער האט אונז צוריקגעטראגן צו אונזער אינגע יארן פלוצלינג זעמיר אלע געווארן קינדער ער האט אונז געהייסן בלייבן דארט קאנעקטעד און עפענען אלע אלטע ווייטאגן, טרעפן די וועלכע האבן דיר געטשעפעט און מאך שלום מיט זיי.

ער פארציילט מיר ווייטער מיט דראמא:

פלוצלינג זע איך מיין טאטע איך קען אים ממש זעהן שטיין אין פארנט פון מיר איך הייב מיך אן דערמאנען אלע ווייטאג און טענות וואס איך האב אויף אים און איך פארצייל עס פאר מיין טאטע און הייב אן פילן אזוי סאך בעסער, אלע ווייטאג איז אוועק איך בעט זיך איבער מיט מיין טאטע, איך זאג דיר איך האב ממש געשפירט ווי ער שטייט נעבן מיך מ'קען עס נישט מסביר זיין דו מוזט קומען און עס אליין עקספיריענסן... די גאנצע לעבן טוישט זיך...

**לאמיר הערן וואס איז געווען ווייטער?**



ווייטער? גארנישט, ער האט געעפנט די לייטס און אונז זעמיר אהיים אבער דו מוזט פארשטיין איך האב געשפירט ממש געזונט, די אלע אלטע ווייטאגן זענען פלוצלינג אוועק איך האב אפילו נישט געוויסט אז איך האב די אלע ווייטאגן...

און?

און גארנישט דאס איז עס אין צווי וואכן ארום איז דא א פאללאו-אפ קורס פאר נאך אפאר הונדערט פונט און מ'מאכט חזרה און שוין דאס איז עס!

זייער אינטערעסאנט אבער פאר אונז גיימיר עס צונעמען לאמיר דיך קודם זאגן די חילוק פון דער קורס וואס טוישט א לעבן צו א צדיק וואס טוישט א לעבן, ביים צדיק בלייבט די לייט צוגעמאכט!

וואס הייסט?

געדענקסט ווען דו ביזט געלעגן דארט אויפן פלאר מיט די פארמאכטע לייטס ווי ס'איז דיר געווען גוט האסט געשפירט געזונט האסט דיך געשפירט אין א גוטע פלאץ ווי אין א זיסע חלום? און וואס האט נאכדעם פאסירט די לייט האט זיך געעפנט ער האט אויפגעהערט מאכן אלע מאדנע גערודער האסט דיך צוריקגעזעצט ווי א נארמאלע מענטש אויפן בענקל און גענדיגט דו פליסט נישט מער צוריק צו די ריאליטי צוריק צו די זעלבע אלטע דיך!

ביי א צדיק אבער איז נישט אזוי, דער רבי האט געזאגט אז ער קען ארויסשלעפן א מענטש פון רפש וטיט מיינט דאס נישט אז נאר היינט ווען איך שפיר עפעס אינעווייניג ווען איך בין קאנעקטעד וכו' נאר מ'בלייבט אייביג מיט די ליכטיגקייט ווי לאנג מ'לאזט נישט אפ דעם צדיק פארשטייט זיך... דער רבי האט א כח צו טוישן א מענטש באמת נישט קיין חלומות און דמיונות און חוזק מאכן פון די מענטשהייט און אונז האבן א ראש ישיבה וואס וועקט אונז אויף פון שלאף יעדן איינציגסטן טאג, אז מ'לעבט מיט די עצות פונעם רבי'ן איז מען א פרייליכער מענטש מ'האט נישט קיין אלטע מיט נייע פראבלעמען נישטא קיין סובקאנשאס וואס דארף טיפול מ'דארף נישט קיין הלכות ווי אזוי ליב צו האבן די קינדער פון א קורס דורך א גרויסער ריזיגער מומחה וואס האט שוין געהאלפן צענדליגע, בהמלצת הרבנים הגאונים שליט"א... נעם מיט דיר א קליין משניות'ל ווי דו גייסט כאפ אריין נאך א פרק און נאך א פרק און אז עפעס דרוקט דיר לויף צום אייבערשטן זאג פארן אייבערשטן וואס שטערט דיר נאר ער קען דיר באמת העלפן, נישט קיין נארישע קורסעס.

איך וויל דיר פרעגן עפעס, דו זאגסט אז דו האסט א בויך מיט טענות אויף דיין טאטע, און ביי די קורס האסטו זיך מיט אים איבערגעבעטן אין חלום אין דמיון ווי אזוי דו ווילסט עס נאר רופן ווען דו ביסט ארויס האסטו זיך ממש געשפירט א שטיין אראפ פון הארץ אלעס איז א מחיה וואס טוסטו אבער אויב דו קומסט ארויס פון די קורס און דיין טאטע שטייט עכט דארט? הע? דו וואלסט דיך געפרייט צו אים ווייל ענק האבן זיך שוין איבערגעבעטן אדער דו וואלסט אויפגעריסן אויף אים מיט נוקלעאר און אים באוואשן פון קאפ ביז פוס מיט אלע דיינע טענות?

אויב ער וואלט עכט געווען דארט? איך גלייב איך וואלט אים מסתמא באוואשן פון קאפ ביז פוס, דו ווייסט וואס ער האט מיר אלס געטון? ער האט מיר אמאל...

אנטשולדיגט ר' איד איך בין גאנץ ווייניג אינטערעסירט אבער דו ווילסט מיר פונקטליך מסביר זיין ווי אזוי דיין לעבן האט זיך געטוישט? ס'איז אלס פונקט די זעלבע! נאר ס'פעלט דיר אין טאש אפאר אלפים! דו האסט עפעס באקומען אין די האנט? האט עס דיר אפילו אביסל





געטוישט?? אבסעלוט נישט! וואס דארפסטו זיין אן אויבער חכם, נעם די עצות פון רבי'ן ס'קאסט גארנישט, קיין איין פעני און ס'וועט דיר באמת טוישן דו וועסט אנהייבן פילן א טעם אין אידישקייט א טעם אין מצוות א טעם אין דאווענען א טעם אין לערנען די דרך הלימוד דאס לייטערט אויס א מענטש דאס מאכט א מענטש ריין!

הייב אן הערן שיעורים פון דער ראש ישיבה וועסטו אנהייבן שעצן דיין ווייב נישט ווערן נערוועז פון איר דו וועסט אפלאזן אלע שמוץ, וועסטו האבן ריינע שטוב גייסטו קענען משפיע זיין אויף דיינע קינדער דיין שטוב וועט ווערן א פלאץ פון אהבה ואחווה ושלום ורעות דו וועסט דיך מחיה זיין צו קענען זיין אינדערהיים, דו וועסט האבן געדולד פאר דיינע קינדער וועסט האבן נחת פון זיי. אבער זאלסט וויסן אז יעדעס מאל דו וועסט פרובירן צו קומען נאנט צום רבי'ן וועט דיר קומען אזעלכע ביטערע מניעות ווייל דער סמ"ך מ"ם לאזט נישט קיינעם קומען צום רבי'ן ווייל די כח פון רבי'ן איז אסאך שטערקער פון אים אבער אז דו וועסט דיך נישט לאזן וועסט נישט קוקן אויף גארנישט וועט זיך דיין לעבן טוישן, באמת, דו וועסט ווערן דער פרייליכסטער מענטש אויף דער וועלט, דיר וועט גארנישט פעלן וועסט זוכה זיין צו א לויטערע אידישע לעבן!

איך הער, איך גיי אנהייבן הערן די שיעורים און פאלגן די עצות איך מוז מיר נעמען אין די הענט אריין. איך שפיר מיך ווי אזא נאר אז איך האב געצאלט אזוי פיל געלט פאר גארנישט און פאר נישט...

אפאר טעג שפעטער לויף איך אהיים פרי פון די ארבעט אונז האמיר א חתונה און די חופה גייט זיין פונקטליך אזוי האבן זיי קלאר געזאגט מ'ווארט נישט אויף קיינעם ס'גייט זיין פונקטליך ווייל ס'איז א "תקנה חתונה" בקיצור איך יאג מיר, איך נעם שטריימל בעקיטשע איך העלף מיין ווייב מיט די קינדער אונז זעצן זיך אריין אין די קאר און מ'גייט צו די חתונה!!!

איך קום אן, איך גיי אריין אין זאל טרעף איך דער מחותן שטיין ביים טיר - מזל טוב!! ברוכים תהיו אי"ה ביי דיר אויף שמחות! ווי האלט מען מ'גייט שוין צום חופה? ניין דער חתן איז נאכנישט דא! איך קום אריין אין זאל ס'איז מער ווייניגער ליידיג איך באגריס איינער פון מיינע שוואגערס וואס איך האב געטראפן דארט איך טרעף מיר א ווינקל איך נעם ארויס מיין משניות און מיין חומש איך געפון זיך יעצט אין מיין אייגענע וועלט פון מיין זייט קען מען יעצט ווארטן פאר די חתן נאך דריי שעה... צוביסלעך פילט זיך די זאל אן איינע פון מיינע קרובים קומט אזוי העכער מיין קאפ און לאזט זיך הערן:

חומש?! נא נא!

מ'גייט שוין צום חופה...

איך קום אן צום חופה טרעף איך מיין קרוב אן איינגעשטעלטער אין א ישיבה א גרויסע "מומחה און פארשטייער צו בחורים"...

איך פרעג אים: וואס מאכט איר?

-גארנישט!

אבער דאך... ווי אזוי גייט עס?





-מעה גארנישט

אקעי.

אויך איז ער נישט חלילה קיין לינקער טעראפיסט... נאר אן איינגעשטעלטער אין א גרויסע ישיבה אלס א "גרויסער מומחה בתורת הנפש"... ער טיילט חלילה נישט קיין פילן נאר אזוינע ספעציעלע וויטאמינען פאר די בחורים... ער האט איינער אין ארץ ישראל וואס איז זיין וועג ווייזער ער איז געווען ביי א שיעור פון יענעם פאר דריי יאר צוריק און ער האט גראד אויפגעכאפט די מעטאד... מ'זאגט אויף אים גרויסע זאכן...
ער איז נארמאל.

קראך! מזל טוב מזל טוב!!! דער עולם יאגט אריין צוריק אין זאל ס'שטעלט זיך א מנין מעריב איך ווייס נישט פארוואס די בעלי תפילות ביי שמחות האבן אזא מנהג ארויסצוציען די מעריב ביז די געדולד פלאצט שוין... מ'ענדיגט מעריב מ'גייט זיך וואשן מ'מאכט המוציא און "די ערשטע קורס" האט זיך אנגעהויבן! נאך בערך א דריי פערטל שעה זיצן, עסן, שמועסן און הערן פון יעדן זיינע סברות פארוואס די פריים מיניסטער ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט זיך און דער האלט אז די נייע צוגעשפארטע גאס איז ריין אנטיסעמיטיזם דער חכם גרויסט זיך אז די געוויסע קאנדידאט איז יעצט אויפן בענקל יעצט גייט ווערן סדר וועסטו זעהן! בקיצור איך דארף א ברעיק... איך שטעל זיך אויף און איך קוק זיך ארום אין די זאל איין טיש איז פארבליבן גענצליך ליידיג און אויף איין טיש זיצן די שפילער, זינגער און מענעדשער און דער מחותן מוז נעבעך באצאלן דער בל תשחית ווייל ס'דא א מינימום...

אזוי שטייענדיג פארטראכט און זיך אומקוקן שטעלט זיך די מחותן אויף און ער גייט רעדן אפאר ווערטער: אודה השם מאוד בפי... איך וויל בעטן די עולם צו זיין שטיל נאר פינף מינוט... אזא שמחה געלויבט דער אייבערשטער... מ'זעט טאקע די וואך אין די פרשה... און דאס איז ממש צוגעפאסט אהער... דער אייבערשטער העלפט אז מ'קען זוכה זיין צו אונטער פירן א קינד... בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן! אלעס איז שמחה'דיג און פריילך און איך טראכט צו מיר וואס טוט ער מארגן? מארגן דארף ער דאס אלעס באצאלן וואו נעמט ער די געלט פאר דעם? מיין הארץ גייט אויס נאר צו טראכטן וואס גייט אויף דעם איד מארגן איבערגיין ווען ער גייט עפענען די אויגן און זאגן מודה אני... אבער ער האט נעבעך אמת'דיג נישט קיין ברירה ער "מוז" אזוי חתונה מאכן ווייל היינט איז דאס "נארמאל" איין באשעפער ווייסט וואס גייט הייסן און ווערן "נארמאל" אין פינף יאר פון יעצט... אונז דארפן האפן בעטן און דאווענען אז די שכל פון מוהרא"ש און דער ראש ישיבה זאל שוין אריינגיין אין די וועלט און גליקלעך מאכן די צובראכענע צושאסענע בעלי שמחה.

אונז דארפן דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אז אונז האבן א מנהיג וואס ווייזט אונז וואס מיינט נארמאל אז מ'דארף נישט כאפן א הארץ אטאקע בלויז פון טראכטן פון דארפן חתונה מאכן די קינדער נאר פארקערט די מחותנים און חתן כלה זענען אמתע בעלי שמחה!
וועלט, ווערט'ס אויך נארמאל!!!





# ״מעשיות פון תפילה״

## העניך אינדיג - קרית ברסלב:

פארגאנגענעם מיטוואך חיי שרה האב איך געהערט אז דער ראש ישיבה איז דא אין שטעטל, אבער איך האב נישט געוואוסט וואו, איך ווייס נישט וויאזוי מ׳טרעפט דער ראש ישיבה, אבער איין זאך קען איך טון - איך קען בעטן דעם אייבערשטן "באשעפער איך וויל געבן שלום עליכם פאר דער ראש ישיבה".

איך בין געגאנגען צום בר מצוה פון פישל ברוין נ״י דער ראש ישיבה איז שוין נישט דארט געווען, אז איך בין שוין דארט געווען האב איך געטראכט צו מיר, "איך בין נאכנישט געווען אין די ספרים סטאר וואס איז ממש דא די נעקסטע הויז, איך בין נייגעריג וויאזוי ס׳קוקט אויס", אזוי האב איך טאקע געטון, איך גיי אריין אינעם ספרים געשעפט, און איך זעה - נישט מער און נישט ווייניגער - דער ראש ישיבה איז דא!

שכח אייבערשטער איך האב געקענט געבן שלום עליכם פאר דער ראש ישיבה און נאך געקענט הערן שיינע געשמאקע שמועסן.

## בערל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב פארלוירן מיין דרייווערס לייסענס קארטל, איך האב עס געזוכט איבעראל אבער נישט געקענט טרעפן, איך האב געזען אז איך טרעף עס נישט, בין איך אראפגעפארן צו די שטאטישע אפיס צו מאכן א נייע, איך קום אן און איך זעה אז זיי זענען צוגעמאכט יענע טאג, האב איך געטראכט אז אפשר קען איך עס נאך טרעפן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן, און ברוך השם איך האב עס געטראפן אין א אומגעראכטענע פלאץ.

## לייבי ראטה - קרית ברסלב:

איך האב זייער שטארק געוואלט גיסן פעיוומענ״ט ביי די אריינגאנג צום נייעם ספרים געשעפט דא אין שטעטל, איך האב אנגערופן אפאר קאמפאני׳ס אבער זיי אלע האבן מיך געזאגט אז זיי קענען עס נישט טון ווייל ס׳איז צו א קליינע דזשאב פאר זיי, אזוי איז געווען אהין און צוריק, איך מוז עס טון יעצט ווייל אין צוויי - דריי וואכן ארום איז שוין צו קאלט און מ׳קען שוין נישט לייגן פעך, אבער קיינער האט נישט מסכים געווען עס צו טון, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איינע פון די קאמפאני׳ס זאלן מסכים זיין צו קומען, און שכח אייבערשטער, די וואך רופט מיך אן איינע פון די קאמפאני׳ס וואס איך האב גערופן, און זיי זאגן מיך אז קומענדיגע וואך וועלן זיי סיי ווי האבן א דזשאב דא אין די געגנט, וועלן זיי קענען קומען גיסן פעיוומענ״ט ביי מיר אויך. שכח אייבערשטער.

## הערשל שניטצלער - קרית ברסלב:

ברוך השם איך האב א שיינע גרויסע אונינג (שלאק) פאר מיין פארטש, און איך האב עס פארגעסן ארויפצומאכן לקראת דעם לאנגן ווינטער וואס גייט ענטקעגנגען די שטעטל איינוואוינער, איך האב מיך געטראפן פארגאנגענע וואך נאך די ערשטע שניי מיט צוויי אינטשעס פארפרוירענע שניי אויף די שלאק, ס׳האט זיך שוין אנגעהויבן איינביגן די אייזענעס ווייל ס׳קען נישט האלטן די וואג, איך האב פרובירט אראפצונעמען די שניי מיט שטעקענעס און בעזעמעס אבער ס׳האט אויסגעקוקט ווי מיין ארבעט גייט לטמיון, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער העלף ס׳זאל קומען אפאר ווארעמע טעג כדי די שניי זאל זיך אויפלאזן און מיין שלאק זאל נישט צובראכן ווערן".

ברוך השם אז די נעקסטע צוויי טעג איז געווען העכער פערציג די גראד, די שניי האט זיך אויפגעלאזט און איך האב געקענט ארויפמאכן די שלאק, יעצט קען שוין שנייען...

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן יֶעצְט ווִינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן אִיז שׁוֹין זַייעֶר פְּרִי, מַמָּשׁ מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן עֶס אִיז שׁוֹין שַׁבָּת - צוּ מַאכְן אַלֶע הֲכָנוֹת פַאְרן שַׁבָּת פְּרִי. זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי לִיכְט ווִי פְּרִיעֶר; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען זָאל אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, לֵייגְן דִי וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ אוּן אָנְגְרֵייטְן דִי לִיכְט וְכוּ' וְכוּ' ווִי פְּרִיעֶר. מִיר גֶעפוּנֶען ווִי דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעטוּן אַלֶע הֲכָנוֹת פַאְרן שַׁבָּת (עַיֵּין שַׁבָּת קיט.) אִיז דָאךְ אַוַדאי אוּנְז פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן טוּן אַלֶעס אוֹיפְצוּנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת בְּשִׂמְחָה וְטוּב לֵבָב.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע וָואכֶעדִיגֶע זַאכְן אוּן זֵיי מְקַבֵּל שַׁבָּת ווִי עֶס פַּאסְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיף דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת כג:): "**מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ**", אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאס אַ גוּטֶע סִימָן; זָאגְט עֶר אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ ווִי אַ טוֹיטֶע מֶענְטְשׁ, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף מְסַדֵּר זַיין אוּן לֵייגְט אַלֶעס אַוֶועק כְּדֵי צוּ מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין - אִיז דָאס אַ גוּטֶע סִימָן.

זֶע צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "**זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט**"; בֶּעפָאר דוּ מַאכְסְט קִידּוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. ווִי לַאנְג נֶעמְט עֶס דֶען? בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע מִינוּט; דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן צוּ זֶען וָואס טוּט זִיךְ דָא אִין דַיין שְׁטוּבּ, **וַוייז זֵיי וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**, וַוייז זֵיי אַז אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט הוּנְגֶערִיג אוּן מִיד זִינְגְסְטוּ שֵׁיינֶע זְמִירוֹת.

**בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ**; פַארְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אוּן אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה. נָאךְ דִי פִישׁ זִינְג 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין'; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן, ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ): "**וּמִי שֶׁלֹּא שָׁמַע אוֹתוֹ בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה מְזַמֵּר בְּלֵיל שַׁבָּת אֶת הַפִּזְמוֹן 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין', וְכֵן בְּשַׁבָּת בַּבֹּקֶר אֶת הַפִּזְמוֹן 'אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא', וְכֵן שְׁאָר הַזְּמִירוֹת שֶׁל לֵיל שַׁבָּת כְּגוֹן 'כָּל מְקַדֵּשׁ' 'וּמְנוּחָה וְשִׂמְחָה' וְכוּ', לֹא שָׁמַע טוֹב מֵעוֹלָם, אַשְׁרֵי אוֹזֶן שֶׁשָּׁמְעָה זֹאת, וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּשְׁמַע זֹאת לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא**", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן ווִי דֶער רֶבִּי זִינְגְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס '**אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין**', אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי '**אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא**', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַנְדֶערֶע זְמִירוֹת פוּן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, 'כָּל מְקַדֵּשׁ' אוּן 'מְנוּחָה וְשִׂמְחָה' וְכוּ', וַוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּטְס, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט דָאס גֶעהֶערְט אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ הֶערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וֶוער וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ הֶערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? דֶער וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת.

**אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִיל נַחַת פוּן דִיר טַייעֶרֶער**..., אִיךְ טְרַאכְט יֶעדְן טָאג צוּ מִיר: 'זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין?' 'זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה?' עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ, יֶעדֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן יֶעדֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מֶען דַארְף אִים אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּק דִיר אָן ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט דַיין לֶעבְּן - דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ. **אִיךְ זָאג דִיר עֶס אָן קַיין חֲנוּפָה: "דוּ גֶעבְּסְט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין!"** וֶוען אִיךְ זֶע ווִי דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.

גֵיי וַוייטֶער אָן טַייעֶרֶער... מִיט דַיין שֵׁיינֶע אִידֶעלֶע וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ; אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט דִיר, **דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר בַּאלִיבְּט ווִי אַן אֵייגְן קִינְד.**

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# הַפָּצָה

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן הֲפָצָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק גֵייעֶנְדִיג אַמָאל "הֲפָצָה" אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם סִיגוּטְ'עֶר שׁוּל וואוּ עֶר הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ", אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן פַאר וֶועם עֶר הָאט דָאס מֵפִיץ גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַן אַלְטֶער אִיד, נָאכְן אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם סֵפֶר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וַויינֶען, עֶר קוּמְט צוּ צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְט אִים: "אוֹי אוֹי אוֹי" - אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט - **"וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעווִיסְט פוּן דִי עֵצָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען גְרִינְגֶער"**; דֶער אִיד אִיז אַרִיבֶּער דֶעם דַייטְשְׁן גֵיהִנוֹם - דִי צְוֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה - וואוּ עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער וואוּ עֶר אִיז גֶעפַּייִנִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רוֹצְחִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעווִיסְט פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט זַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרִינְגֶער - הָאט עֶר גֶעוֵויינְט.

יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר וֵויסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצָה דַארְפְן מִיר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ ווִיסְן דֶערְפוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד: **"עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן"**; וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד? נָאר אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

# א מעשה

## פון א צדיק



### עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מֶענְטְשׁ אַלֵיין

דער הייליגער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוויזן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים ווי ווייט אַלֶעס ווענְדט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְש; עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יַעֲנְקל וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ יַעֲנְקְל?" גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט: "וואס קֶען אִיךְ שׁוֹין מַאכְן? בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר דַארְף אִיךְ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע אַמֶערְס וַואסֶער, אִיךְ שְׁלֶעפּ דָאס אַרוֹיף אַפָּאר שְׁטָאק, מַמָּשׁ דִי רוּקְן בְּרֶעכְט זִיךְ מִיר, דִי פִיס הַאלְטְן מִיר כִּמְעַט נִישְׁט, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן?!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים.

אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער גייט דער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נָאכְאַמָאל מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן אַז אַלֶעס הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט אוֹיף זַיין לֶעבְּן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט וִוידֶער צוּ צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער יַעֲנְקל אוּן פְרֶעגְט אִים: "יַעֲנְקל וָואס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס? וָואס מַאכְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "רֶבִּי, וִוי קֶען אִיךְ קְרֶעכְצְן? מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן, אִיךְ שֶׁעפּ אָן וַואסֶער בַּיים בְּרוּנֶעם אוּמְזִיסְט אוּן טְרָאג דָאס צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צָאלְן מִיר, אָהָ - גֶעבְּט עֶר אַ זָאג - אִיךְ דַאנְק גָאט פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי: "גֶעבְּט אַ קוּק, דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער יַעֲנְקל; אַכְצִיג יָאר שְׁלֶעפְּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאקְן דַארְף עֶר אַרוֹיפְקְרִיכְן, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט דָאס אָן. אֵיין טָאג אִיז עֶר בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם אַנְדֶערְן טָאג זוּכְט עֶר דָאס גוּטְס אוּן קוּקְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים אוּן אִיז מָלֵא שִׂמְחָה".

(עצתו אמונה אידיש פרשת ויצא תשע"ז)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

– י' –

**פארזעצונג פון פריער:** אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן וַואקְסְן אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיסֶער דִי שְׂכַר לִימוּד וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעצָאלְט פַאר'ן מְלַמֵּד, פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן פַאר'ן מְלַמֵּד דְרֵיי גִילְדְן - פוּן זַיין אֵייגְן גֶעלְט וָואס עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן - פַאר יֶעדְן בְּלַאט גְמָרָא וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און לֶערְנֶען מִיט אִים וִוי מֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג. און דֶער מְלַמֵּד הָאט טַאקֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג, און עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר יֶעדְן דַף.

***

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נָאךְ מֶער פְלַייסְן אִין לֶערְנֶען, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֵיין צוּ לֶערְנֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שַׁ"ס און פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ און עֵין יַעֲקֹב, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ און תִּקוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, און נָאךְ גָאר אַסַאךְ סְפָרִים, און אוֹיךְ אַסַאךְ מוּסָר סְפָרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט אִינְדֶערְהֵיים אַלֶע מוּסָר סְפָרִים, און דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַלֶע דוּרְכְגֶעלֶערְנְט. סְפֶּעצִיעֶל דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "רֵאשִׁית חָכְמָה" הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ מָאל, עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר.

דִי גְרוֹיסֶע בְּקִיאוּת וָואס מְ'הָאט גֶעזֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ, בִּפְרַט אִין תַּנַ"ךְ, אִין עֵין יַעֲקֹב, און אִין אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל און אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ און תִּקוּנִים, סְ'אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה זָאל זַיין אַזוֹי אָפְן פַאר אִים, מַמָשׁ וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר זִיךְ אַ שֵׁיינֶעם טִישׁ מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף, און עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פוּן אַלֶעס וָואס עֶר זֶעט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן. און דָאס קֶען מֶען אַבִּיסְל זֶען בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ, עֶר אִיז כְּסֵדֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ בַּיים סוֹף פוּן זַיין הֵיילִיג לֶעבְּן, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי און זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און כָאטְשׁ וָואס זַיין מֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט גְרוֹיסֶע און הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט גֶענוּג צַייט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה פְּשׁוּט'עֶרְהֵייט יֶעדְן טָאג.




דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען טָרוּד און אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעהַאט צַייט פַאר אַלֶעס, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רוּאִיגְקֵייט און יִשׁוּב הַדַעַת.

עֶר פְלֶעגְט אַלְץ לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אִין אֵיין שָׁעָה פְלֶעגְט עֶר לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אַרוּם וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אוֹיפְ'ן דַף, דֶער טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם, בְּאֵר הַגוֹלָה, פְּרִי חָדָשׁ, און עֲטֶרֶת זְקֵנִים, אִין דָאס גְלַייכְן בַּיי דִי מְפוֹרְשִׁים אִין דִי אַנְדֶערֶע חֲלָקִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בִּשְׁעַת דֶער עוֹלָם גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּם דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי, וִוי לַאנְג מְ'וַוארְט אַז דֶער עוֹלָם זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּם דַאוֶוענֶען, אִין דִי צַייט הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט, סַיי גְמָרָא סַיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ און אַנְדֶערֶע סְפָרִים, הָאט עֶר אֵייבִּיג גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר שְׁנֶעל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### אהרן קליטניק - בארא פארק גיבט איבער:

עס איז געווען א שיינע שמועס מיטן ראש ישיבה דאנערשטאג תולדות נאכ'ן ליל שישי שיעור, דער ראש ישיבה שליט"א געשמועסט מיט עטליכע בחורים און אינגעלייט, איינע פון די בחורים וואס איז דארט געשטאנען האט זיך אויסגערעדט אז ער איז געווען ביי די הקפות אין א געוויסע שול, דארט האבן אים עטליכע אינגעלייט געטשעפעט אז ער דרייט זיך אין ברסלב, זיי האבן זיך נישט צוריקגעהאלטן פון ניצן מיאוסע לשונות און ניבול פה רחמנא לצלן. דער בחור איז נישט קיין תלמיד וואס האט געלערנט דא אין ישיבה, און דערוויייל ציפט ער נאך די בארד, מען האט אים דארט געטשעפעט אז ער איז פון די שוואכע ווייל ער טשעפעט די בארד. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: "איך זע שוין ביי דיר אז דו האסט א שיינע בארד, דו גיי ווייטער אן מיט דיינע שיערים, מיט דיין תמימות, דו זאג ווייטער משניות, קוק נישט אויף וואס אנדערע זאגן דיר".

ער האט אויסגעפירט: איך בין זייער נתפעל געווארן ווי דער ראש ישיבה קוקט אויף יעדעם איינעם און ער זעט שוין יענעם ווי אזוי ער גייט אויסזען נאכדעם וואס ער וועט פאלגן אין זיך שטארק אנהאלטן אין זאגן משניות, דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף א יונגערמאן דארט, און ער האט אים געזאגט: נו זאג הויך! וועמענס בארד איז דאס? און יענער יונגערמאן האט געשריגן "דאס איז דער ראש ישיבה'ס בארד", אויף נאך א בחור האט דער ראש ישיבה אנגעוויזן, קוק זעסט די בארד, ווי צו זאגן, די בארד איז נאר בזכות וואס ער האט געפאלגט די שיינע לימודים וואס מען לערנט דא.

אז מען פאלגט בתמימות דעם רבינ'ס עצות בפרט די עצה פון גורס זיין אסאך משניות, אפילו יעצט זעט ער נאך נישט אויס אזוי ... פון אינדרויסן, אבער מיט די צייט ווערט ער אן ערליכער איד.

### אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

יצחק אבינו מיט רבקה אמנו האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן זוכה זיין צו האבן קינדער, ערליכע און וואוילע, דער אייבערשטער האט געהאלפן זיי האבן זוכה געווען צו א צווילינג עשיו הרשע און יעקב אבינו, די שלעכטס פון עשיו איז געקומען פון די משפחה פון רבקה וואס זיי זענען געווען פון די סארט, אבער יצחק אבינו האט זיין גאנץ לעבן קיינמאל נישט געזאגט א ווארט פאר רבקה "זעהסט עשיו'ס שלעכטע פארדארבענע מידות קומט פון דיין טאטע, ס'קומט פון דיין משפחה", ניין! ער האט דאס קיינמאל נישט געזאגט, און נישט נאר דאס, נאר ער האט קיינמאל נישט ארויסגעוויזן אז ער האט נישט ליב עשיו, כדי זי זאל זיך קיינמאל נישט שפירן געטראפן, דאס דארפן אונז זיך אפלערנען, צו קיינמאל נישט טשעפען אין שטוב.

### גדלי' בעלער - ירושלים:

געבט איבער א שיין ווארט אויף דעם ענין פון רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט צו א גוטע חבר, נישט עפעס אז תפילה איז העכערע זאכן, נאר מען דארף שמועסן מיטן אייבערשטן ווי מען שמועסט זיך אויס מיט א נאנטער חבר, דאס איז מרומז אין פסוק "ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו", יצחק האט גערעדט צום אייבערשטן 'לנוכח אשתו', קעגן זיין ווייב, ער האט גערעדט צום אייבערשטן פונקט ווי ער וואלט גערעדט צו זיין ווייב.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

**דירות אין שטעטל פאר שבתים**
מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625

KB
**KB HEALTH**

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.



The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com

845-434-4980
**Heel & Toe**
For All Your Hosiery Needs

Open all Year in Fallsburg
Fully line of tights, socks, hats, gloves, for the whole family
snoods and tichels and much more
Open every night 8-10
Call 845-428-2481 for other hours

FREE DELIVERY

**HURLEYVILLE LEASING**




sales@hurleyvilleleasing.com www.hurleyvilleleasing.com
845-720-0041

## Baby Gemach
Car seats, pack & play, twin carriage, single stoller and more

Call Birenbaum
**347-543-8313**

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טויון ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

## KB Seamstress
Professional Finish
Best Prices

For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd

845-662-4083



## B&H Dry Goods
1619 NY-52, Liberty, NY 12754

A New shipment of Gloves, Scarves Belts and many more has arrived.

We have Black Friday deals all year round

SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

**10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.**

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!



## LILAC ELECTROLYSIS
WITH A GENTLE TOUCH

IN THE MOUNTAINS

FAIGY STEINMETZ
NYS CERTIFIED & LICENSED
5 ROYCE ST.
MONTICELLO, NY 12701

FOR AN APPT. CALL:
845.422.5783

# KIAMESHA SHOES

קייאמישא שיך

Benelaccio · Geox · Ecco · Mirage · E-rock · Pardoo · Esse · Wizfort · Orkideas · Boutaccelli · S.Giovanni

# We carry a full selection of Mens & Boys Shoes

אויך האבן מיר א גרויסע אויסוואל פאר די
ווינטער ווי בוטס קאלאטשן און נאך

**Conveniently located in Kiamesha all year round.**

**Please call.**

**(845) 794 4806** or **(845) 428 5583**

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

**רחל לאה וויינבערג פון קרית ברסלב פארציילט:**

איך האב געוואלט מיין זיידע און באבע זאלן קומען צו אונז אויף שבת.



געמאלן דורך: רחל לאה וויינבערג







# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** שרה גיטל שניצלער – בית פיגא קרית יואל

**נאך:** מיין באבע די צדיקת שרה גיטל שניצלער ע"ה

## אביסל איבער איר

זי האט געוואוינט אין לאנדאן, ווי זי איז געווען באקאנט אלס א גרויס צדיקת און בעלת חסד, איר מאן דער טשאבבער זיידע זצ"ל האט פארמאגט א כולל, און זי פלעגט אייביג ארויסהעלפן די כולל אינגעלייט מיט וואס זיי האבן נאר געדארפט.

איר שטוב איז שטענדיג געווען אפען פאר יעדעם, אויך האט זי זייער ליב געהאט ערליכע אידן, זי פלעגט בעטן די תורה שרייבער פון הרב מ'סאטמאר זי"ע מו"ה נפתלי לעבאוויטש שליט"א וואס איז געווען איר קאזין - ער זאל איר יעדע וואך שיקן די תורה פונעם רבי'ן, כדי זי זאל דאס קענען לערנען און זיך מחזק זיין.

זי האט זוכה געווען אויפצושטעלן א דור פון צענדליגער אייניקלעך וואס פון די ציילן זיך פון די שענסטע משפחות פון היכל הקודש.

איך האף אויסצוואקסן ווי איר.



**אויפן בילד:** "איר מאן הרב החסיד ר' שלום שניצלער עליו השלום"

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער



**טאטע, איך שריי צו דיר טאטע, איך בעט פון דיר טאטע, נעם אהן מיין געבעט.**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ח | ז | ד | ר | ד | ד | כ | ב | ח | נ | ס | ק | ת | ק | ע | ש | ה | ו | ס | ש | ד | ו |
| י | ג | ל | ל | י | ט | מ | פ | מ | ט | א | י | כ | מ | ע | נ | י | ר | ת | י | מ | ז | ד |
| צ | ש | ה | ס | ש | ד | ל | א | ו | פ | מ | א | י | ע | פ | ט | ש | ק | ב | ה | ק | ג | ד |
| ע | ה | ס | ש | א | ב | ע | ט | פ | ו | נ | י | נ | ב | מ | ט | א | ג | י | ת | צ | ר | ד |
| צ | צ | ט | ע | ב | ח | נ | ח | ס | א | נ | כ | ק | ע | ש | ת | ז | ר | נ | ג | י | נ | ב |
| ת | כ | ג | צ | צ | ט | כ | כ | ז | כ | ו | י | מ | ט | ת | כ | ל | ה | א | ד | פ | מ | ב |
| נ | ו | ו | י | פ | ז | ה | צ | ח | י | צ | נ | ב | ר | ד | ל | ג | י | נ | ט | פ | ו | מ |
| ז | ה | ד | נ | צ | ז | מ | ח | ט | ג | י | ז | ו | ל | מ | ת | נ | ז | כ | ו | ע | נ | ט |
| כ | י | א | ע | ל | ג | נ | ע | נ | צ | ז | ג | נ | נ | ר | צ | א | ק | ח | ע | י | ט | ט |
| צ | ו | ח | נ | ע | ט | א | ט | מ | ד | כ | ר | י | ב | ט | ש | ז | ר | ג | ו | ט | א | ע |
| ע | כ | צ | ב | ו | נ | ג | ע | י | ו | צ | נ | ג | ט | ר | ח | מ | ג | ז | ע | ג | ט | ו |
| צ | ע | ע | נ | מ | ד | ה | ס | ס | ח | ק | ו | ר | י | ל | ב | מ | נ | ק | ר | א | ע | מ |
| ב | ט | מ | א | פ | ע | ג | ג | ו | כ | נ | ר | י | ד | מ | ע | ז | ח | ל | ט | ח | ש | צ |








**העלף נחמן נתן צוגרייטן די לעכט פאר יום טוב חנוכה**



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מה.** מִי שֶׁהָיָה שַׁקְרָן מִגִּלְגּוּל הֶעָבָר, עַל יְדֵי זֶה כְּשֶׁנִּתְגַּלְגֵּל, נַעֲשָׂה אִטֵּר יָד.

**טייטש.** װער עֶס אִיז גֶעװֶען אַ לִיגְנֶער אִין זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּל, דָאס מַאכְט אַז װֶוען עֶר װֶוערְט נָאכְאַמָאל מְגֻלְגָּל װֶוערְט עֶר אַ גֶעלִינְקְטֶער.



# חידות אפטיילונג

**די הייליגע חכמים זאגן: ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך צו לערנען די הייליגע תורה, רעכנט אים דער אייבערשטער**

א. ווי א ניי געבוירן קינד

ב. ווי ער איז זיין בן יחיד

ג. ווי ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט

ד. ווי ער איז די גרעסטער צדיק

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: אז מען זוכט גוטס אין א צווייטן

**ענטפער:** ווערט יענער גוט

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**שמואל בירנבוים נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | 2 | | | | 5 |
| 4 | | | | 6 | |
| 1 | | | 2 | | |
| | 5 | | 4 | 2 | 3 |
| | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 7 | | 5 | | 4 | | |
| | | 2 | 7 | 6 | 4 | 9 | | |
| 4 | 6 | | | | | | 5 | 3 |
| | 2 | | 5 | 3 | 7 | | 4 | |
| 8 | 4 | | 1 | | 6 | | 9 | 7 |
| | 7 | | 8 | 4 | 9 | | 3 | |
| 2 | 5 | | | | | | 8 | 9 |
| | | 6 | 4 | 8 | 2 | 1 | | |
| | | 8 | | 9 | | 6 | | |

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת תולדות?

## פון אויבן אראפ.

1. קיין שום זאך פאסירט נישט נאר אויב דאס איז _____ פון הימל
3. מען קען זוכה זיין צוצוקומען צו די גרעסטע _____ דורך תפלה והתבודדות
4. שטארק זיך מיט _____ ותפלה
5. נישט _____ זיין א צווייטן, יעדער האט זיין נקודה
6. גיין _____ זיין אידישע קינדער מיט אמונה און בטחון איז די שענסטע זאך
8. רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זיין _____, פון די קאפ ביז פיס
10. ווי מער מען _____, ווערט זיסער דאס לעבן
11. גיין ליידיג איז _____
13. דיין שטוב זאל זיין פול מיט _____
14. גיי _____ דעם רבינ'ס ספרים פאר אנדערע
17. צו _____ דארף מען רעדן מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ

## פון רעכטס צו לינקס.

2. אז מען האט _____, האט מען פון גארנישט מורא
7. מאך זיך א שיעור _____ אין משניות, וועסטו אלעס פאררעכטן
9. דער אייבערשטער מאכט _____ פאר די וואס דערציילן מעשיות פון צדיקים
11. ווען דו ביסט זיך מתבודד, זאלסטו בעיקר בעטן אויף _____
12. נישטא נאך א זאך וואס זאל פארברענען די _____, ווי די הייליגע תורה
15. הער נישט קיין _____, וועסטו לעבן א חיים טובים
16. ווער עס לערנט דעם רבינ'ס ספרים, ווערט מער נישט _____
18. ווען מען איז _____, ווערט מען פטור פון אלע צרות
19. יעדע זאך וואס _____, האט א חשבון



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג




א גריס פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל




א טריפ בײם פארק




בײם װאסער זיך אויסצוליפטערן נאכן לערנען פלייסיג







**ברית פון הילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה נח הערש ווייס הי"ו**
**אין היכל הקודש קרית יואל - א' תולדות**




**הפצה פארברענג ביים ראש ישיבה אינדערהיים**
**ד' תולדות**




**מען האט אראפגענומען די נדרים פלוס אין היכל הקודש**
**ירושלים**







**כולל מסיבה ביים ראש ישיבה אינדערהיים - ד' תולדות**




**חדד פירן אין שטעטל פון הילד נחמן יואל נ"י בן מו"ה**
**אברהם הערש וועבערמאן הי"ו - מיטוואך תולדות**




**ברית אין שטעטל פון בן מו"ה יוסף קורץ הי"ו**
**ד' תולדות**




תפילין לייגן פון אברהם מנחם נ"י בן מו"ה יודל דעפריס הי"ו - ערב שבת תולדות




אבות ובנים אין בית המדרש אשר בנחל מוצאי שבת תולדות







**אבות ובנים אין שטעטל**

**היכל הקודש 181 האשקי**

**מוצש"ק חיי שרה**












# בילדער
## ארכיוון

**מוהרא"ש זי"ע באטייליגט זיך ביים חתונה און שבע ברכות פון מו"ה יואל לעווי הי"ו צען יאר צוריק**

**פרשת ויצא שנת תשע"ג**





ביי די חתונה



ביי די שבע ברכות אין ישיבה מוצאי שבת ויצא



דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויסגראמען מוהרא"ש זי"ע ביים חתונה
דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעגראמט מוהרא"ש



ביי די שבע ברכות אין ישיבה מוצאי שבת ויצא

בס"ד

# YES, WE ARE OPEN!

## Activities:

**Bumping Cars, Jumping Balloon, Ball Pit,
Art'n Crafts, Monkey Bars, Rock Wall,
And Many More...**

## Price:

**$8 A kid on activities or punching cards for $50 with 10 punching**

**121 Twin Bridge Rd**

## Hours:

**Sunday 11-6**

**Monday - thrsday - 2:30-7**

**Mozei shabbos 1hr after zman for 2 hours!!!**

gb0534111974@gmail.com